**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/18/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול אויף היים אייגנטימער הילף פאָנד באוויליגונג**

"אזוי ווי מיר פאקוסירן אויף אונזער נאך-פאנדעמישער ערהוילונג דארפן מיר טוהן אלס וואס מיר קענען צו העלפן ניו יארקער בלייבן אין זייערע היימען. ניו יארק איז געווען א מוסטער אין אויסטיילן פארלייכטערונג צו די וועלכע מוטשען זיך נאך, און איך בין שטאלץ אז מיר זענען די ערשטע סטעיט אין דעם לאנד צו באקומען יו-עס טרעזשורי באוויליגונג פאר די היים אייגנטימער הילף פאָנד פראגראם, וואס וועט אולטימליך אויסטיילן באלד 539 מיליאן דאלער צו העלפן היים אייגנטימער וואס זענען די מערסטע ריזיקירט אויף פארקלאוזשער אדער ערזעצונג.

בעפאר די באוויליגונג האבן מיר שוין געגרייט אן איינפירונג פלאן צו גיך ארויסהעלפן נידעריג און מיטלמעסיגע איינקונפט און סאציעל באזייטיגטע היים אייגנטימער, און מיר וועלן באלד אויפדעקן א סטעיט-ברייטע אוטריטש קאמפיין צוצושטעלן קריטיש-וויכטיגע אינפארמאציע צו ריזיקירטע היים אייגנטימער כדי זיי וועלן זיין גרייט זיך צו ווענדן גלייך ווען די אפליקאציע פענסטער עפנט זיך.

אונזער טיעם איז געווען און שטייט ווייטער אין נאענטע פארבינדונג מיט אויסבארגער, סערוויסירער, און מוניציפאלע שטייער אויטאריטעטן, מיט-אפערירער, און פאבריצירטע-היים אייגנטימער צו פארזיכערן אז דער פראגראם איז ערפאלגרייך און אז די פאָנדינג ווערט אויסגעטיילט פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן